# דער אויפגאַנג און אונטערגאַנג פון דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן

מרדכי צאַנין

דער קיום פון דער ייִדישער פּרעסע איז געווען אַ ביז גאָר שווערער, און איר סוף אַ ביז גאָר טראַגישער. די געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע אויפן שטח פון פּוילן אין די גרענעצן פון 1919 ביז דער צעטיילונג פון פּוילן צווישן נאַצי־דײַטשלאַנד און ראַטן־פֿאַרבאַנד, הייבט זיך אָן מיט דער טאָגצײַטונג אידישעס טאָגבלאַט , געשאַפֿן דורך שמואל־יעקב יאַצקאַן (1936־1876). אויפֿן גאַנצן וועג פֿון איר רעשיקער אַנטוויקלונג, האָט זיך די ייִדישע פּרעסע געראַנגלט מיט די רדיפֿות פֿון אַלע הערשנדיקע רעזשימען — דעם צאַרישן, די דײַטשע אָקופּאַציע־מאַכט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער פּוילישער רעזשים פֿון זינט 1919.

אַ גאַנצע רײ ייִדן האָבן זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ ייִדישער צײַטונג, צווישן זיי אויך י.ל. פּרץ. נאָך דעם ווי פּרץ האָט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג צו באַקומען אַזאַ דערלויבעניש, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ פֿאַרמאַסקירטע צײַטשריפֿט: זײַנע יום־טובֿ־בלעטלעך. כּדי די צאַרישע מאַכט זאָל נישט אָננעמען קיין מיטלען קעגן די בלעטלעך, האָט יעדער אויסגאַבע געהאַט אַן אַנדער יום־טובֿדיקן נאָמען. דער ערשטער נומער האָט געהייסן לכּבֿוד פּסח; דערנאָך, לכּבֿוד שבֿועות; הושענא אָדער דער פֿײַל אויסן בויגן[1].

צבֿי פּרילוצקי, דער זון פֿון אַ רײַכער סוחרישע משפּחה אין קרעמעניץ (וואָלין), אַ קענער פֿון פֿרעמדע שפּראַכן און מיטאַרבעטער אין דער העברעיִשער פּרעסע, האָט זיך יאָרן־לאַנג באַמיט צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע צײַטונג. ער האָט זי באַקומען ערשט אין "פֿרילינג" פֿון צאַרישן רוסלאַנד. אַזוי ווי אין פּעטערבורג איז דעמאָלט דערשינען די ייִדישע צײַטונג דער פֿרײַנד, האָט פּרילוצקי זײַן צײַטונג אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין וואַרשע. זי האָט געהייסן דער וועג און איז אַרויס דעם 14טן אויגוסט 1905[2]. דער פֿינאַנציעלער מצבֿ איז געווען אַ ביטערער. אין יענער צײַט האָבן ייִדישע סוחרים און אינדוסטריעלער נאָך נישט פֿאַרשטאַנען דעם כּוח פֿון רעקלאַמע און דער וועג האָט געדאַרפֿט עקסיסטירן בלויז פֿון פֿאַרקויף. און הגם דער טיראַזש איז



שמואל־יעקב יאַצקאַן

געווען אַ גרויסער, האָט זיך די צײַטונג געמאַטערט. זי האָט געפּרוּווט זיך ראַטעווען דורכן אַרויסגעבן אַ מיטאָג־צײַטונג און דערנאָך די העברעיִשע טאָגצײַטונג היום.

די הויפּטסיבה איז געווען ש.י. יאַצקאַן. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון הצפֿירה אין וואַרשע און האָט אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירט הומאָריסטיש וואָכנבלאַט: די ביהן. אין 1906 האָט ער צוזאַמען מיט נח און נחמיה פֿינקעלשטיין אָנגעהויבן אַרויסגעבן דאָס אידישעס טאַגעבלאַט. פּונקט ווי ער איז געווען פֿעיִק ווי אַ זשורנאַליסט, האָט ער אויך גוט פֿאַרשטאַנען געשעפֿטלעכע ענינים. בעת אַן עקזעמפּלאַר פֿון פּרילוצקיס דער וועג האָט געקאָסט דרײַ קאָפּיקעס, האָט יאַצקאַן פֿאַרקויפֿט זײַן אידישעס טאַגעבלאַט פֿאַר איין קאָפּיקע. האָט מען עס טאַקע גערופֿן: די קאָפּיקע־צײַטונג.

אידישעס טאַגעבלאַט האָט קאַטאַסטראָפֿאַל געשלאָגן צבֿי פּרילוצקיס

צײַטונג, וואָס איז אין גיכן אונטערגעגאַנגען. יאַצקאַנס צײַטונג איז נישט בלויז אין פרײַז געווען אַ ביליקע, נאָר אויך אין איר אינהאַלט האָט זי זיך צוגעפּאַסט צו דעם פּרימיטיוון לייענער. כּדי צו פאַרמאַכן דעם וועג פון אַ צײַטונג פאַרן בעסערן לייענער, האָט יאַצקאַן אָנגעהויבן אַרויסגעבן, אַחוץ אידישעס טאַגעבלאַט אויך אידישעס וואָכענבלאַט מיט הלל צייטלין ווי הויפּטרעדאַקטאָר.

יאַצקאַן און די ברידער נח און נחמיה פינקעלשטיין, די אייגנטימער פון אידישעס טאַגעבלאַט, האָבן אין 1908 אָנגעהויבן אַרויסגעבן די צײַטונג הײַנט. יאַצקאַן האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט. ער האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער פּרעסע אײַנגעפירט צו דרוקן שונדראָמאַנען מיט "פּאָרזעצונג מאָרגן" און די לייענערס האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף דער מאָרגנדיקער פּאָרזעצונג. יאַצקאַנס ערשטער ראָמאַן האָט געהייסן אין נעץ פון זינד, וואָס האָט דעם הײַנט דערהויבן צו אַ טיראַזש פון הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן טעגלעך — אַ רעקאָרד־דערגרייכונג פאַר יענער צײַט.[3]

אַ דאַנק דער אויסערגעוויינטלעכער פינאַנציעלער הצלחה, האָט דער הײַנט אָנגעהויבן צוציִען די בעסטע ייִדישע שרײַבערס, ווי י.ל. פּרץ, דוד פרישמאַן, שלום אַש און אַנדערע.

דער אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט געשלאָסן די גרענעצן, צערודערט די קאָמוניקאַציע־מיטלען, און בעיקר דער צאַרישער פאַרבאָט פון יולי 1915 צו פאַרשפּרייטן ייִדישע און העברעיִשע צײַטונגען מחוץ די גרענעצן פון קרוינפּוילן, האָבן גאָר שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם הײַנט. דער אינהאַלט איז געוואָרן אָרעם, דער צאַרישער צענזאָר האָט דערלויבט צו דרוקן בלויז די אָפיציעלע מלחמה־קאָמוניקאַטן.

## דער מאָמענט — אַ כּלל־ייִדישע צײַטונג

אין 1918 איז יצחק גרינבוים צוריקגעקומען פון פּעטראָגראַד קיין וואַרשע. ער האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די רעדאַקציע פון די צווײ וואָכנבלעטער: הצפירה און דאָס יודישע פאָלק: ביידע — ציוניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַנען.

דעם 15טן יאַנואַר 1919 האָט דאָס יודישע פאָלק אָנגעהויבן אַרויסגיין ווי אַ טאָגצײַטונג. הגם דער טיראַזש איז נישט געווען קיין איבעריק גרויסער, האָט דער הײַנט, בײַ זײַן שווערן פינאַנציעלן מצב, דערפילט די קאָנקורענץ, בפרט נאָך דעם פּאָליטישן קלאַפּ וואָס ער האָט געליטן בײַ די וואַלן צום ערשטן שטאָטראַט אין וואַרשע אין 1916.

היות ווי סײַ דער הײַנט סײַ דאָס יודישע פאָלק זענען געווען אין אַ שלעכטן פינאַנציעלן מצב, איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו פאַראייניקן ביידע צײַטונגען. דער ערשטער נומער פון דער פאַראייניקטער צײַטונג איז טאַקע אַרויס דעם 1טן יאַנואַר 1920. אַלע מיטאַרבעטער פון דאָס יודישע פאָלק זענען אַריבער אין הײַנט.

אין דער צײַט ווען יאַצקאַן האָט אַרויסגעגעבן זײַן קאָפּיקע־צײַטונג, איז צבי פּרילוצקי צוגעצויגן געוואָרן ווי הויפּטרעדאַקטאָר פון דער דעמאָלט נײַ־געשאַפענער קאָאָפּעראַטיווער צײַטונג אונזער לעבן (1907). פּרילוצקי האָט דאָרטן געדרוקט אַלגעמיינע פּאָליטישע איבערבליקן אונטערן קעפּל: "דער מאָמענט". און אַזוי האָט אויך געהייסן די טאָגצײַטונג, וואָס נח פּרילוצקי האָט אין איינעם מיט שותּפים געשאַפן אין 1910: דער מאָמענט. נחס פאָטער, צבי פּרילוצקי, איז געוואָרן הויפּטרעדאַקטאָר.

דער מאָמענט איז געווען אַ כּלל־ייִדישע צײַטונג, ווו סײַ הלל צייטלין, סײַ משה יוסטמאַן, סײַ הערש־דוד נאָמבערג און סײַ יוסף העפּטמאַן האָבן פרײַ געקאָנט שרײַבן, יעדער ווערדליק זײַן וועלטבאַנעם. לויט דעם מוסטער פון יאַצקאַן, האָט אויך דער מאָמענט געדרוקט אַ ביליקן ראָמאַן מיט המשכים. דרך־אגב — די מחברים פון אָט די ראָמאַנען זענען אויך געווען גוטע ייִדישע פּראָזאַיִקערס, ווי יהושע פּערלע, יצחק באַשעוויס, אפרים קאַגאַנאָווסקי, וואָס האָבן, פאַרשטייט זיך, געחתמעט מיט פּסעוודאָנימען.

אין דער צײַט פון בייליס־פּראָצעס אין קיִעוו איז דער טיראַזש פון מאָמענט דערגאַנגען צו 150 טויזנט עקזעמפּלאַרן אַ טאָג.

## אונטער דײַטשער אָקופּאַציע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

די וואַרשעווער ייִדישע אַסימילאַטאָרן האָבן געפירט זייער אַסימילאַציע־פּאָליטיק צווישן ייִדן און זייער דערנענטערונג־פּאָליטיק צו די פּאָליאַקן. אין שײַכות מיט דער דעמאָלטיקער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער דומע, האָבן זיי געפּרוּווט אויסניצן אַ ייִדישע טאָגצײַטונג: זיי האָבן פאָרגעשלאָגן דעם מאָמענט אַ סובסידיע פון 75 טויזנט רובל (דעמאָלט אַ לעגענדאַרע סומע), ער זאָל דרוקן אַ ריי אַרטיקלען אין אַסימילאַטאָרישן גײַסט און אײַנשטעלן אין דער צײַטונג אַ פרײַע טריבונע.

דער מאָמענט האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן און די אַסימילאַטאָרן האָבן אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צײַטונג: נײַעס (אַפּריל 1912). קיין אריכות־ימים האָט די צײַטונג אָבער נישט געהאַט. דער ייִדישער לייענער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון איר ווי פון אַ דבר־טמא. נאָך זיבן חדשים איז זי פאַרשוווּנדן. וועגן דעם דערציילט אויספירלעך מענדל מאָזעס, געוועזענער דירעקטאָר פון ייט"א אין וואַרשע (אין 2טן באַנד פון גאָענטן עבר).

הגם וואָס אין מאָמענט האָט מען געקאָנט שרײַבן פרײַ, איטלעכער לויט זײַן וועלטבאַנעם, האָט מען זיך דערוווּסט אין דער ייִדישער שרײַבערוועלט, אַז משה יוסטמאַן (ב. יאָרשזאָן — איטשעלע) טראָגט זיך אַרום מיט דער מחשבה אַוועקצוגיין פון דער צײַטונג, ווײַל ער ווערט אין איר דערשטיקט. אַזוי דערציילט חיים פינקעלשטיין אין זײַן מאָנאָגראַפיע הײַנט[4].

יוסטמאַן איז אַריבער אין הײַנט אין 1925. ווען ער האָט געדרוקט זײַן ערשטן פעליעטאָן "פּאָליטישע ברייוו" — איז דער טיראַזש אין זעלבן טאָג געשטיגן מיט פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן[5]. בעצם איז דער הײַנט געווען יוסטמאַנס אַלטע היים. אין 1909 האָט ער דאָרטן געדרוקט פעליעטאָנען אונטערן קעפּל "וואַרשעווער לעבנס־בילדלעך". ער איז אין הײַנט געקומען פון יודישעס וואָכענבלעט, וואָס יאַצקאַן האָט אַרויסגעגעבן אין 1907. ווען ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין דער מאָמענט איז ער אַהין אַריבער.




דער ערשטער נומער פון "היינט" — 1909

די אויסערגעוויינטלעכע פּאָפּולאַריטעט פון יוסטמאַנען אין מאָמענט האָט יאַצקאַנען נישט געלאָזט רוען. ער האָט געזוכט אַ שרײַבער, וואָס זאָל מיט זײַן אופן פון שרײַבן זיך קאָנען גלײַכן צו איטשעלען. ער האָט צוגערעדט שלום־עליכמען ער זאָל זײַן מנחם־מענדל פאַרוואַנדלען אין אַ זשורנאַליסט, וואָס זאָל שרײַבן פּאָליטישע בריוו צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל. שלום־עליכם האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, נישט אָן ערנסטע ספקות.[6]

די צענזור־שוועריקייטן פון וועלכע סײַ דער הײַנט סײַ דער מאָמענט האָבן געליטן בעת דעם צאַרישן רעזשים זענען נישט לײַכטער געוואָרן אונטער דער צענזור פון דער דײַטשער אָקופּאַציע־מאַכט. פּונקט ווי דער רוסישער צענזאָר האָט נישט דערלויבט צו דרוקן וועגן פּאָגראָמען און גירושים, האָט אויך דער דײַטשער צענזאָר נישט דערלויבט צו דרוקן וועגן הונגער און עפּידעמיעס אין דער אָקופּאַציע־צײַט. יעדער שטיקל נײַעס האָט געמוזט האָבן די באַשטעטיקונג פון צענזאָר. דער צאַרישער צענזאָר האָט געהייסן קאָנפיסקירן די גאַנצע אויפלאַגע פון דער צײַטונג און דערמיט גורם געווען גרויסן שאָדן; דער דײַטשער צענזאָר האָט אַרויפגעלייגט אויף די "שולדיקע" שווערע געלטשטראָפן, וואָס האָבן ממש אויסגעליידיקט די קאַסע.[7]

כלפּי חוץ האָט דער הײַנט זוכה געווען צו אַ גרעסערן פּרעסטיזש ווי דער מאָמענט, מחמת זײַן אויסגעהאַלטענער פּאָליטישער ליניע. אָבער דער עקאָנאָמישער מצב פון הײַנט איז נישט געווען בעסער ווי פון מאָמענט. דער הײַנט האָט באמת געליטן מער פון די קאָנפיסקאַציעס, אָבער דער גאָר גרויסער רעדאַקציע־און־אַדמיניסטראַציע־פּערסאָנאַל פון מאָמענט (מער ווי 125 פּאַרשוין), און די וואָס אַ מאָל גרעסערע פּראָדוקציע־הוצאות האָבן כסדר געמאַטערט די אָנפירונג.

אין דער צווייטער העלפט פון חודש סעפּטעמבער זענען די באָמבאַרדירונגען בײַ טאָג און די צינדבאָמבעס בײַ נאַכט געווען אַזוי מוראדיק, אַז ס'איז בכלל געווען אוממעגלעך אַרויסצוגיין פון די קעלערן. די מיטאַרבעטערס פון הײַנט וואָס האָבן געוווינט אין ווײַטערע גאַסן, האָבן נישט געקאָנט קומען אין רעדאַקציע. עס זענען געקומען בלויז די וואָס האָבן געוווינט אין זעלבן הויף, אויף כלאָדנע 8 אָדער נאָענט צום הײַנט־בנין.

דעם 22טן סעפּטעמבער, אַ וואָך פאַר דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע, איז אַרויס דער לעצטער נומער הײַנט, געדרוקט בלויז אויף צוויי זײַטן און מיט אַ קאַפּיטל תהילים אין יהואשעס איבערזעצונג.

די פּאָליטיק פון דער דײַטשער אָקופּאַציע־מאַכט איז געווען אויסצוניצן די ייִדן קעגן די פּאָליאַקן וואָס האָבן געשטרעבט צו אומאָפּהענגיקייט. בכלל איז זייער כוונה געווען אָפּצושוואַכן די פּאָליטישע שטרעמונגען בײַ די ייִדן אין פּוילן. ווי אַן אינסטרומענט פאַר זייער פּאָליטיק האָבן זיי געדינט די צוויי מיליטערישט הויפּטראַבינערס: ד"ר פּנחס קאָהן און ד"ר עמנואל קאַרליבאַך (אַ פעטער פון ערשטן רעדאַקטאָר פון מעריב, עזריאל קאַרליבאַך), וואָס האָבן זיך צונויפגערעדט מיט די מקורבים פונעם גערער רבי און געשאַפן די "אגודת האורטודוק־סים". די צוויי ראַבינערס האָבן געהערט צו דעם פראַנקפורטער פאַנאַטישן חדר. וועגן זיי וועט נאָך קומען צו רייד אין קאַפּיטל וועגן דער פּרעסע פון דער אגודה.

די דײַטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט איר פּאָליטיק דורכגעפירט מיט אַן אײַזערנער האַנט. ווען ישעיה אוגער, הויפּטרעדאַקטאָר פון לאָדזער טאַגעבלאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן די דײַטשע פּאָליטיק, איז זײַן צײַטונג פאַרמאַכט געוואָרן אויף אַ גאַנץ יאָר[8]. אין שײַכות דערמיט איז אויסגעבראָכן אַ סיכסוך צווישן ישעיה אוגער און זײַן מיטרעדאַקטאָר לאַזאַר קאַהאַן.

נאָכן פאַרמאַכן דאָס לאָדזער טאַגעבלאַט האָט קאַהאַן אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צײַטונג, לאָדזער פאָלקסבלאַט. עס האָט עקסיסטירט אויך פריִער, אָבער בעת די קאַמפן אַרום לאָדזש האָט עס זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. לאַזאַר קאַהאַן האָט דאָס לאָדזער טאַגעבלאַט באַנײַט אין מאַרץ 1915, ווען די דײַטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיך שוין געהאַט פאַרפעסטיקט אין לאָדזש. איצט איז די צײַטונג אַרויס אין אַ גרעסערן פאָרמאַט.

דער פּאָעט און עסייִסט חיים־לייב פוקס, אַליין אַ לאָדזשער,

דערציילט אין זײַן בוך לאָדזש של מעלה,[9] אַז דאָס לאָדזער פֿאָלקסבלאַט האָט זיך געדרוקט אין דער דײַטשער מלוכה־דרוקערײַ. דאָס איז נישט געווען צום האַרצן פֿון דער לאָדזשער ליטעראַרישער משפּחה, דער עיקר מחמת דער אָפֿענער פּראָדײַטשער אָריענטאַציע פֿון דער צײַטונג, וואָס האָט אויך געדרוקט פֿאַלשע באַריכטן וועגן כלומרשטע דײַטשע נצחונות אויף די פֿראָנטן. שפּעטער איז קאַהאַנען געראָטן צו באַווײַזן, אַז מיט דער פּראָדײַטשער ריכטונג אין זײַן צײַטונג, איז ער אויסן געווען ייִדישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

נאָך דער רעהאַביליטאַציע איז דאָס לאָדזער פֿאָלקסבלאַט געוואָרן אַ וויכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע טריבונע, ווו ס׳האָבן זיך באַטייליקט דער פּראָזאַיִקער הערש־לייב זשיטניצקי, דער דראַמאַטורג און פּראָזאַיִקער פֿישל בימקאָ, ברוך שעפֿענער, י.מ. ניימאַן, דער הומאָריסט יוסף־שמעון גאָלדשטיין (דער לוסטיקער פּעסימיסט) און אַנדערע.

## די פּוילישע צענזור

אין 1926 האָט לאַזאַר קאַהאַן און אלחנן צייטלין (דער זון פֿון הלל צייטלין) און אַ גרופּע זשורנאַליסטן פֿון אַנדערע צײַטונגען אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ נײַעם טיפּ צײַטונג: וואַרשעווער עקספּרעס, געבויט אויף פּריוואַטן קאַפּיטאַל. נאָך דרײַ חדשים האָט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַליסט, אָן דעם וויסן פֿון דער רעדאַקציע און אָן איר הסכּמה, אַרײַנגעגעבן אין צײַטונג „אַ שטיקל נײַעס" לטובֿת דעם ראַדאָמער רבֿ, וואָס האָט קעגן דעם ווילן פֿון דער קהילה געוואָלט ווײַטער בלײַבן אויפֿן אַמט. ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם גבֿיר, איז דער גאַנצער רעדאַקציע־פּערסאָנאַל אַרויס פֿון דער צײַטונג און אַליין געשאַפֿן אַ צײַטונג אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות: אונזער עקספּרעס.

די מעלה פֿון אונזער עקספּרעס איז געווען דער פּאָפּולערער אופֿן פֿון דערלאַנגען די נײַעס: לעבעדיק, סענסאַציאָנעל, צו מאָל רכילותדיק. אויך דער ביליקער פּרײַז איז בײַ דער אָרעמקייט פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין וואַרשע געווען אַ צוציִונג־כּוח. אין איר קורצער עקסיסטענץ האָט די צײַטונג דערגרייכט אַ טיראַזש פֿון 60 טויזנט עקזעמפּלאַרן אין אַ וואָכנטאָג. די פֿרײַטאָגדיקע אויסגאַבע איז אַרויס אין אַ טיראַזש, וואָס די רעדאַקציע האָט געהאַלטן בסוד, קעגן אַן עין־הרע...

מע דאַרף געדענקען, אַז מחמת דער געוואַלדיקער אָרעמקייט, סײַ אין וואַרשע סײַ אין די פּראָווינצשטעט און שטעטלעך, פֿלעגן פֿינף־זעקס און אַ מאָל צען לייענערס קויפֿן איין צײַטונג. אַזוי איז געווען מיט אַלע פּובליקאַציעס. אַ צײַטונג האָט מען נישט אויסגעלייענט, זי איז צעדריבלט געוואָרן, אַריבערגייענדיק פֿון האַנט צו האַנט.

אונזער עקספּרעס האָט אויך געהאַט מוטאַציעס, וואָס האָבן באַדינט צײַטונגען אין די גרעסערע שטעט. ער האָט צו יענע לאָקאַלע צײַטונגען צוגעשיקט זײַנע אינעווייניקסטע זײַטן מיט דעם געדרוקטן מאַטעריאַל, אײַנשליסיק דעם ראָמאַן אין המשכים, און איבערגעלאָזט די ערשטע אָדער די לעצטע זײַט פֿאַר די לאָקאַלע נײַעס.

ווי יעדע ייִדישע טאָגצײַטונג אין וואַרשע, האָט אויך דער עקספּרעס געהאַט צוויי אויפֿלאַגעס — איינע פֿאַר דער פּראָווינץ און איינע פֿאַר וואַרשע. די לעצטע פּראָווינץ־אויסגאַבע איז אַרויס דעם 5טן סעפּטעמבער 1939. מיט אַ טאָג שפּעטער, איז פֿון לאָדזש געקומען לאַזאַר קאַהאַנס ברודער, ישׂראל, וואָס האָט מיט מסירת־נפֿש די צײַטונג אַרויסגעגעבן נאָך עטלעכע טעג, בלויז פֿאַר וואַרשע, מיט אַ זייער אָרעמען תּוכן. מחמת דעם קאַמופֿלאַזש און באָמבאַרדירונג איז געווען אוממעגלעך אײַנצוזאַמלען דעם נייטיקן מאַטעריאַל, בפֿרט אַז אַ טייל פֿון די מיטאַרבעטערס האָבן אויפֿן רוף פֿון דער פּוילישער מאַכט צו פֿאַרלאָזן די הויפּטשטאָט, זיך עוואַקויִרט מיט אַלע צײַטונג־רעדאַקטאָרן און מיט דער פּוילישער רעגירונג.

ייִדישע צײַטונגען האָבן געדאַרפֿט האָבן אַ שטאַרקן מאָראַלישן כּוח און נאַציאָנאַלע מאָטיוואַציע, אויסצוהאַלטן די רדיפֿות פֿון דער פּוילישער מאַכט. כּדי אונטערצוגראָבן די עקסיסטענץ פֿון דער ייִדישער פּרעסע, פֿלעגט דער צענזאָר מעקן שוין נאָך דעם ווי די גאַנצע אויפֿלאַגע איז געווען אָפּגעדרוקט. ס׳האָט נישט עקסיסטירט קיין פּראָצענזור. דער רעדאַקטאָר האָט זיך געמוזט אָנשטויסן וואָס ער מעג דרוקן און וואָס ער טאָר נישט דערמאָנען. אָבער ווי אַזוי האָבן זיי געקענט נישט איבערגעבן וועגן דעם פּאָגראָם פֿון לעמבערג אין 1918? און ווי אַזוי האָבן זיי געקענט נישט שרײַבן וועגן דער הריגה וואָס פּוילישע מיליטער־לײַט האָבן דורכגעפֿירט אין פּינסק, וועגן דעם פּאָגראָם אין פּשיטיק און די רדיפֿות אין אַנדערע שטעט, וועגן שנײַדן ייִדישע בערד און פּאות? זיי האָבן דערציילט און דערפֿאַר באַצאָלט.

דאָס אײַזידיעקווען זיך איבער דער ייִדישער פּרעסע איז געווען זייער ראַפֿינירט. גאָר אָפֿט פֿלעגט קאָנפֿיסקירט ווערן אַ פֿרײַטאָגדיקע צײַטונג מיט אַ גרעסערע צאָל זײַטן. דער צענזאָר האָט די קאָנפֿיסקאַציע נישט געמוזט מאָטיווירן: „די רעדאַקציע דאַרף אַליין וויסן וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר נישט". אויב עס איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן דער פֿרײַטאָגדיקער הײַנט, וואָס איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין 60‑70 טויזנט עקזעמפּלאַרן, האָט עס אויסגעמאַכט אַ דריטל פֿון די הכנסות.[10]

דער הײַנט איז געווען אַן אָפֿטער קרבן פֿון די מוטווילליקע קאָנפֿיסקאַציעס, וואָס האָבן זיך נישט פֿאַרענדיקט בלויז מיט קאָנפֿיסקירן די אויסגאַבע, נאָר די צײַטונג איז אויך אויף אַ צײַט געשלאָסן געוואָרן. דאָס איז די סיבה, פֿאַר וואָס דער הײַנט, למשל, האָט אַ מאָל געהייסן נײַער הײַנט, אַן אַנדערט מאָל דער טאָג אָדער נײַער טאָג וכדומה.

מיט דער צײַט איז דער הײַנט געוואָרן אַ פּרעסע־אימפּעריע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ נאָכמיטאָג־צײַטונג (הײַנטיקע נײַעס), די צײַטשריפֿט האַנדלס־וועלט, וועלט־שפּיגל, דאָס אידישע לאַנד, הבקר OPINJA און NOWA PALESTYNA.

פֿון זינט דער פֿאַראייניקונג פֿון דאָס יודישע פֿאָלק מיטן הײַנט, ווען אויף דער פֿאָדערונג פֿון יצחק גרינבוים איז יאַצקאַן אָפּגעטראָטן פֿון זײַן אַמט ווי דער הויפּטרעדאַקטאָר און אויף זײַן פּלאַץ איז געקומען אברהם גאָלדבערג, און אויך שפּעטער, נאָך זײַן טויט, אין 1933, איז די פּאָליטישע ליניע פֿון הײַנט געווען אַן אייגהייטלעכע. אויב ס׳איז געווען אַ קאָנפֿליקט צווישן די צוויי ציוניסטישע פֿראַקציעס „על המשמר" און „עת לבנות", האָט אברהם גאָלדבערג צווישן ביידע שלום געמאַכט. דער הײַנט האָט זיך געקענט פֿאַרנעמען מיט ציוניסטישע און אַלגעמיין־ייִדישע ענינים אין דעם אַנטיסעמיטישן פּוילן.

## דער מאָמענט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רעוויזיאָניסטישער צײַטונג




דער "מאָמענט" — אַ נומער פון 1936

וואָס שייך דעם מאָמענט, קאָן מען נישט רעדן וועגן אַזאַ איינהייטלעכן וועג. ווען נח פּרילוצקי האָט געשאַפן דעם מאָמענט איז די ליניע פון דער צײַטונג געווען אַ פאָלקיסטישע און כּלל־ישׂראלדיקע, הגם אין 1916 איז אין וואַרשע אויפגעקומען אַ פאָלקיסטישע טעגלעכע צײַטונג, ווו עס איז געווען פּלאַץ אויך פאַר טעריטאָריאַליסטן.

אין די פריִע דרײַסיקער יאָרן איז אין מאָמענט פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. נישט געקוקט אויף די רעלאַטיוו גוטע געשעפטן סײַ פון הײַנט סײַ פון מאָמענט, זענען ביידע געווען פאַרשולדיקט. זיי האָבן אײַנגעקויפט נײַע ראָטאַציע־מאַשינען, כּדי צו באַדינען אַלע זייערע אויסגאַבעס. אַחוץ די פאַרגרעסערטע טיראַזשן האָט אויך דער מאָמענט געהאַט אַן אָוונט־צײַטונג — וואַרשעווער ראַדיאָ.

מחמת די פינאַנציעלע שוועריקייטן, האָט מען נישט געקענט אויסמײַדן די אינטערווענץ פון פּוילישן געריכט, וואָס האָט באַשטימט ווי אַ "סינדיק" דעם רעוויזיאָניסטישן אַדוואָקאַט מאַרק קאַהאַן. ער איז געוואָרן דער פאַקטישער בעל־הבית סײַ פון דער אַדמיניסטראַציע סײַ פון דער רעדאַקציע[11]. און ער האָט די צײַטונג איבערגעגעבן אין די הענט פון זשאַבאָטינסקי און אורי־צבי גרינבערג. נח פּרילוצקי, וואָס איז אַרויס פון רעדאַקציע, האָט אָנגעקלאָגט אין געריכט דעם "סינדיק" פאַר ענדערן די ריכטונג פון דער צײַטונג. אָבער — דערציילט אַברהם זאַק, פון די עלטסטע מיטאַרבעטער אין מאָמענט[12]. — דער פּראָצעס איז קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו קיין פינאַלער לייזונג, ווײַל דער "סינדיק" האָט קעגנגעווירקט דורך זײַנע הינטערקוליסן־קאַנאַלן.

מאַרק קאַהאַן האָט געהאַט די שטיצונג פון דעם וואַרשעווער רעגירונגס־קאָמיסאַר. מיט דעם ענין האָט זיך אויך פאַרנומען דער ייִדישער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין, אָבער אויך פאַרן פאַראיין איז "דער ענין געווען אַ צו דעליקאַטער" — דערציילט ווײַטער אַברהם זאַק. ער האָט געקענט אינטערווענירן נאָר אויף פּראָפעסיאָנעלן באָדן. ווי באַלד דער מאָמענט איז געוואָרן אַ רעוויזיאָניסטישע צײַטונג (בעת פאַר די מאַסן לייענערס איז ער פריִער געווען אַן אומפּאַרטייִשע צײַטונג פון אַ באַשטימטן פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער), איז דער טיראַזש אײַנגעשרומפּן געוואָרן מיט יעדן טאָג. די הכנסות זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענערע. האָט דער "סינדיק" געשניטן די לוינען פון די זשורנאַליסטן און פון דעם אַדמיניסטראַציע־פּערסאָנאַל. ווען מאַרק קאַהאַן האָט מודיע געווען, אַז ער איז געצווונגען אַ צווייט מאָל צו שנײַדן די לוינען, האָט דער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין דערקלערט אַ שטרײַק. דער רעדאַקציע־פּערסאָנאַל האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן איינמאָליקע צײַטונג, כּדי פאַר דער עפנטלעכקייט אויפצוקלערן די סיבות פונעם שטרײַק. קאַהאַן האָט נישט געהאַט דעם כּוח צו פאַרמײַדן דעם פּלאַן, אָבער ווען די צײַטונג איז געוואָרן אָפּגעדרוקט און גרייט צו פאַרשפּרייטן, איז אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז זי ווערט קאָנפיסקירט אויפן באַפעל פון דעם וואַרשעווער רעגירונגס־קאָמיסאַר. דעם פּערסאָנאַל איז נישט געבליבן קיין ברירה. כּדי נישט צו בלײַבן אָן פּרנסה, איז מען צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט פאַר אַ הונגערלוין.

ביז זײַן לעצטן טאָג, צווישן ראש־השנה און יום־כּיפּור 1939, איז דער מאָמענט געווען אַ דורכויס רעוויזיאָניסטישע צײַטונג הגם זײַנע הויפּטפּובליציסטן, זשאַבאָטינסקי און אורי־צבי גרינבערג, זענען שוין דעמאָלט נישט געווען אין פּוילן.

אברהם זאַק, איינער פון די עלטסטע מיטאַרבעטער אין מאָמענט, דערציילט אין זײַן בוך די ייִדישע פּרעסע וואָס איז געווען, אַז אין דעם פאַרוואָלקנטן טאָג פון יום־כּיפּור, בעת אַן איבעררײַס אין די נאַצישע באָמבאַרדירונגען, איז אים אײַנגעפאַלן צו גיין זען וואָס ס'איז געוואָרן פונעם מאָמענט־הויז אויף נאַלעווקי 38. ער האָט עס געפונען פאַרברענט. על־פּי־נס איז דער אונטערשטער טייל פון בנין, ווו ס'איז געווען די דרוקערײַ מיט די לינאָטיפּן און די ראָטאַציע־מאַשינען, געבליבן גאַנץ. צוויי וואָכן נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט וואַרשע, האָבן זיי דעמאָנטירט די מאַשינען פון אַלע ייִדישע צײַטונגען און זיי אַוועקגעפירט קיין דײַטשלאַנד.

### די בונדיסטישע פּרעסע

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן פאַרנעמט דער בונד. ווען ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין זײַן פּרעסע אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט דער בונד שוין געהאַט הינטער זיך 22 יאָר אומלעגאַלע און לעגאַלע פּובליציסטיק. ביז 1903, ווען די צאַרישע מאַכט האָט דערלויבט אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע צײַטונג אין רוסלאַנד, האָט אויף ייִדיש עקסיסטירט בלויז די בונדיסטישע פּרעסע, וואָס איז אַרויס אומלעגאַל, געזעצט און געדרוקט אין אונטערערדישע דרוקערײַען. זי האָט כּולל געווען דעם בונדישן צענטראַל־אָרגאַן די אַרבײַטער־שטימע און פינף לאָקאַלע צײַטשריפטן, צווישן זיי דער בונד, וואָס איז דערגאַנגען צו אַ טיראַזש פון 30 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 האָט דער בונד אַרויסגעגעבן (אין 1906 און 1907) אַ טאָגצײַטונג אין ווילנע, וואָכנבלעטער און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. נאָך דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע, אין

1917, איז די בונדישע פּרעסע זיך פונאַנדערגעוואַקסן און געהאַט טעגלעכע צײַטונגען אין מינסק און אין קיִעוו. די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור האָט אַ סוף געמאַכט צום בונד און צו זײַן פּרעסע.

בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, אין די יאָרן 1916 — 1918, איז אַרויס דאָס בונדישע וואָכנבלאַט לעבנס־פראַגען וואָס איז דעם 6טן דעצעמבער 1918 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָגצײַטונג.

מחמת די כסדרדיקע רדיפות, קאָנפיסקאַציעס און אַרעסטן פון די רעדאַקטאָרן, האָט זיך אָפט געביטן דער נאָמען פון דער צײַטונג: פאָלקסצײַטונג, נײַע פאָלקסצײַטונג און ווידער פאָלקסצײַטונג.

דער גרינדער און ערשטער רעדאַקטאָר פון לעבנס־פראַגען איז געווען דער טעאָרעטיקער פון בונד וולאַדימיר מעדעם; שפּעטער — בייניש מיכאַלעוויטש און הענריק ערליך.

אַלע יִדישע צײַטונגען האָבן געליטן פון דער פּוילישער רעגירונג, אָבער קיין איינציקע, אַפילו נישט דער הײַנט, האָט אַזוי פיל געליטן ווי די פאָלקס־צײַטונג. זעקס וואָכן נאָך דעם ווי די צײַטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, דעם 18טן יאַנואַר 1919, האָט זי די מאַכט אָפּגעשטעלט, פאַרחתמעט די רעדאַקציע און די דרוקערײַ. מ'האָט אויך אַרעסטירט דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַר, דעם בוכהאַלטער און אַן ערך 15 אַרבעטער פון דרוקער־פּערסאָנאַל.

די צײַטונג איז אַרויס פון דאָס נײַ דעם 31טן יאַנואַר 1919, נאָך דעם 23סטן מאַרץ 1920 האָט זי די רעגירונג בכלל פאַרבאָטן. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן אַרויסגיין אונטער אַן אַנדער נאָמען: אַרבײַטער־שטימע. דעם 28טן אַפּריל 1920 איז זי ווידער פאַרבאָטן געוואָרן, דער לאָקאַל פון רעדאַקציע פאַרחתמעט און דער פאַראַנטוואָרט־לעכער רעדאַקטאָר — אַרעסטירט. פון 29טן אַפּריל ביז דעם 13טן מײַ 1920 איז די צײַטונג אַרויס טעגלעך אונטער אַנדערע נעמען: אַרבײַטער־טאָג, אונזער טאָג, נײַער טאָג, נײַער אַרבעטער־טאָג אַרבעטער־פראַגען. פון 14טן מײַ ביז דעם 8טן יולי 1920 האָט די צײַטונג געהייסן נײַע אַרבײַטער־שטימע, אָבער אויך דאָס איז נישט געווען קיין סגולה אויף אריכות־ימים. זי איז פאַרבאָטן געוואָרן. דעם פאַראַנטוואָרט־לעכן רעדאַקטאָר — יעדער מאָל אַן אַנדערער — האָט מען אַרעסטירט און דעם רעדאַקציע־לאָקאַל פאַרחתמעט. אָבער מיט אַ טאָג שפּעטער איז די צײַטונג ווידער אַרויס אונטער אַן אַנדער נאָמען: טאָג־פראַגען. נאָכן דריטן נומער האָט מען די צײַטונג ווידער פאַרבאָטן און די פאַראַנטוואָרט־לעכע רעדאַקטאָרשע, מאַניע עליאַש, אַרעסטירט.

די מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן אַ בונדישע טאָגצײַטונג האָבן זיך געענדיקט. אַנשטאָט דעם זענען, מיט גרויסע שוועריקייטן און אָפטע קאָנפיסקאַציעס, אַרויס וואָכנבלעטער, חודש־שריפטן און זאַמלהעפטן.

פאַר דער געשיכטע פון דער יִדישער פּרעסע אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער ווײַטערדיקער פּאָליטישער קוריאָז:

אין דער מלחמה צווישן פּוילן און רוסלאַנד, אין 1920, איז די רויטע אַרמיי, בעתן אַרויסטרײַבן די פּאָליאַקן פון אוקראַינע, פאַרהאַלטן געוואָרן בײַ דער ווײַסל, הינטער וואַרשע, ווו ס'איז געשען דער אַזוי גערופענער "נס בײַ דער ווײַסל".

פריִער, בעת די הצלחות פון דער רויטער אַרמיי, האָט די קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין וואַרשע געשאַפן אַ געהיימע מיליטערישע קאָמענדאַטור, מיט דער כוונה צו שאַפן אַ קאָמוניסטישע רעגירונג, ווי נאָר די רויטע אַרמיי וועט פאַרנעמען וואַרשע.

די דאָזיקע קאָמענדאַטור איז געווען אַזוי זיכער אין דעם, אַז זי האָט צוגעשיקט אַ בריוו דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז בײַם שאַפן אין וואַרשע די קאָמוניסטישע רעגירונג, האָט מען רעזערווירט פאַר דער לינקער פראַקציע פון בונד צוויי פּלעצער און — אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון ק.פ.ר.פ. (קאָמוניסטישנאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ פּאָלסקי) גיט דעם בונד דאָס רעכט צו רעקווירירן די רעדאַקציע פון מאָמענט פאַר זײַן אייגענעם געברויך, בעת די רעדאַקציע פון הײַנט וועט איבערגענומען ווערן פון די יִדישע טוערס אין דער ק.פ.ר.פ.

[דערציילט פון הערשל מעטאַלאָוויעץ (הערש־לייב בעקערקונץ) — געוועזענער בונדיסטישער מנהיג און שפּעטער איינער פון די זײַלן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן — אין זײַנע זכרונות אַ וועג אין לעבן, צווייטער באַנד, זז' 384־395, תל־אביב 1982].

אַ בונדישע טאָגצײַטונג האָט געקענט אַרויס ערשט דעם 1טן סעפּטעמבער 1922. זי האָט געהייסן פאָלקסצײַטונג. ווי אַ וואָכנבלאַט איז זי אַרויס פון 25סטן נאָוועמבער 1921. דערנאָך צוויי מאָל אַ וואָך. אויך זי איז אויף אַ נאָווינע פאַרבאָטן געוואָרן דעם 18טן אַפּריל 1923. באַלד אויף צו מאָרגנס האָט זיך באַוויזן די נײַע צײַט, וואָס איז פאַרבאָטן געוואָרן נאָך אַ חודש, דעם 18טן אַפּריל, דערנאָך איז אַרויס בלויז איין מאָל אונזער צײַט און נאָך אַ ווײַטערדיקן פאַרבאָט איז געקומען אונזער פאָלקסצײַטונג און האָט עקסיסטירט ביזן 15טן יאַנואַר 1926. פון 17טן יאַנואַר 1926 איז אַרויס די פאָלקסצײַטונג, אָן איבעררײַס, ביז דעם טראַגישן סוף. "אָן איבעררײַס" מיינט מיט טלעכע הונדערט קאָנפיסקאַציעס, מיט ווײַסע צענזור־פלעקן, מיט אַ קאָמיסיע פון דעם וואַרשעווער רעגירונגס־קאָמיסאַר, מיטן תירוץ אַז דער לאָקאַל פון דער דרוקערײַ איז כלומרשט אַ סכנה פאַר די מענטשן. אין משך פון יאָר 1937 איז די צײַטונג קאָנפיסקירט געוואָרן אַן ערך אַכציק מאָל. די פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן, וואָס זענען געווען גאָט די נשמה שולדיק, האָט מען באַשטראָפט מיט געלטשטראָפן און מיט "זיצן". די עקסיסטענץ פון דער פאָלקסצײַטונג איז געווען איין לאַנגע קייט פון רדיפות, אָבער צווישן איין קאָנפיסקאַציע און דער צווייטער האָט די צײַטונג נישט אויפגעהערט איר קאַמף פאַר דעם יִדישן אַרבעטער און פאַר יִדישע בירגערעכט בכלל.

מיט דער צײַט איז די בונדישע פּרעסע געוואַקסן אין דער צאָל פון אירע אויסגאַבעס, ווי אַ שטייגער: פּאָרויס, וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, פאָלקסצײַטונג פאַר ספּאָרט, קליינע פאָלקסצײַטונג פאַר קינדער. אין 1937 האָט די פאָלקסצײַטונג דורכגעפירט אַ קאַמפּאַניע צו פאַרגרעסערן איר טיראַזש, אין שײַכות מיט דער פײַערונג פון 40 יאָר בונד. דעם 17טן סעפּטעמבער 1937 האָט די צײַטונג געמאָלדן, אַז פון 113 שטעט זענען באַשטעלט געוואָרן 149.321 עקזעמפּלאַרן, אַחוץ דעם געווײנטלעכן פאַרקויף.[13]


פרייז 10 גראשן
Naje FOLKSCAJTUNG
פאָלקסצייטונג
פאַרחתמעט די דרוקעריי פון דער „נ. פאָלקסצייטונג"

"פאָלקסצײַטונג" — די טריבונע פון בונד

די פאָלקסצײַטונג האָט זיך אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע ייִדישע צײַטונגען, אַחוץ די רעליגיעזע, דערמיט וואָס זי האָט נישט געדרוקט קיין שונדראָמאַן אין המשכים, נאָר ערנסטע קינסטלערישע שאַפונגען. אַ צײַט לאַנג האָט זי אויך אַרויסגעגעבן אַ נאָכמיטאָג־צײַטונג: בײַטאָג.

דער הײַנט האָט געדינט די אינטערעסן פון ציוניזם; דער מאָמענט פון קליינבירגערטום; דער עקספרעס — פון כּלל־ישׂראל; דאָס יודישע טאָגבלאַט — פון דער רעליגיעזער פרומקייט. די פאָלקסצײַטונג האָט געהאַט בעיקר צוויי פראָנטן: באַדינען די אינטערעסן פון די ייִדישע אַרבעטער, פון דער ייִדישער אָרעמקייט, און קעמפן קעגן דעם פוילישן מיליטאַנטישן אַנטיסעמיטיזם (אַ קאַמף וואָס אַלע ייִדישע צײַטונגען האָבן געפירט) און קעגן דעם קאָמוניזם.

מחמת דער שווערער נויט וואָס האָט געהערשט בײַ די ייִדישע מאַסן אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך, מחמת דיסקרימינאַציע און באָיקאָט קעגן ייִדן כּמעט אויף אַלע געביטן — געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע — איז די השפּעה פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן ייִדן געוואָרן אַ סכּנה. מיט דער טענה אַז וואָס עס ווערט ערגער איז אַלץ בעסער — האָבן די קאָמוניסטן געפּרוּווט באַהערשן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און זיי פירן צו כּסדרדיקע פּאָליטישע שטרײַקן, אַנשטאָט צו קאָנצענטרירן די כּוחות פאַר בעסערע לוינען און בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען. די פאָלקסצײַטונג האָט אַ גרויסן טייל פון איר ענערגיע אַוועקגעגעבן אין אָט דעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטן, וואָס האָט אָנגענומען אַלץ שאַרפערע פאָרמען.

די גאַנצע ייִדישע פרעסע האָט געהאַט אַ שווער לעבן. אויב עס זענען צו מאָל געווען זיבן גוטע יאָר, אָדער זיבן גוטע סעזאָנען, זענען באַלד געקומען זיבן מאָגערע יאָר און די צײַטונגען האָבן זיך געמאַטערט. דערצו האָבן בײַגעטראָגן די אָפטע קאָנפיסקאַציעס.

אין אַזאַ שווערן מצב איז אַ סך מאָל געווען די פאָלקסצײַטונג, אָדער ריכטיקער: דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, וואָס איז געווען איר אַרויסגעבער. די הונדערטער קאָנפיסקאַציעס האָבן חרוב געמאַכט זײַנע פינאַנצן און ער איז שטענדיק געווען געצוווּנגען צו זוכן קוואַלן, צו באַקומען שטיצע דורך קאַמפּאַניעס צווישן די מיטגלידער פון בונד, פון אַמעריקע, אָדער פּשוט לײַען געלט, צו מאָל אויף הויכע פּראָצענטן. אָפט איז דער בונד געווען אין סכּנה פון באַנקראָט. דעריבער האָט זיך די פאָלקסצײַטונג, אין 1932, פאַרוואַנדלט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. די אַלטע שווערע חובות האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט גענומען אויף זיך. מיט אָט דעם קאָאָפּעראַטיוו האָבן שפּעטער געמאַכט שותּפות די אַרויסגעבערס פון אגודהשן דאָס יודישע טאָגבלאַט און די צוזאַמענאַרבעט איז געווען אַ חברישע. דער עקאָנאָמישער מצב האָט זיך אַפילו געביטן צום גוטן, ביז צום ביטערן סוף.

די פאָלקסצײַטונג איז געווען די לעצטע צווישן די ייִדישע צײַטונגען וואָס זענען חרוב געוואָרן, ווען די נאַציס זענען אָנגעפאַלן אויף פּוילן. אין משך פון צען טעג איז זי געווען די איינציקע ייִדישע צײַטונג אין דער באַלעגערטער וואַרשע. דער לעצטער נומער איז אַרויס דעם 22טן סעפּטעמבער 1939.

דער שרײַבער פון אָט די שורות איז דעמאָלט געווען אין מיליטערישע קליידער און זיך אויפגעהאַלטן אין דער נאָוואָליפּיע־גאַס, אין שכנות מיט דער רעדאַקציע פון פאָלקסצײַטונג. מיט עטלעכע טעג פריער האָב איך בײַם טויער פון רעדאַקציע באַגעגנט אַרטור זיגעלבוימען. ער איז געווען פון די געציילטע טוערס פון בונד, וואָס זענען נישט אַוועק מיט דער אַלגעמיינער עוואַקואַציע, און בלויז אַ דאַנק אים איז די צײַטונג נאָך אַרויס, הגם אין אָרעמע צוויי זײַטן.

— ווי לאַנג נאָך? — האָב איך אים געפרעגט.

ערגעץ אין דער נאָענט האָט אויפגעריסן אַ באָמע פון אַ נאַצישן עראָפּלאַן.

— ווי לאַנג עס וועט זײַן מעגלעך, — האָט זיגעלבוים געענטפערט און איז אַרײַן אין טויער.

די אידיליע פון דער ייִדישער פרעסע, וואָס האָט בעצם קיין מאָל נישט געהאַט קיין אידילישע עקסיסטענץ, האָט זיך פאַרענדיקט דעם 7טן סעפּטעמבער 1939, זיבן טעג נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה, מיט דער בהלהדיקער עוואַקואַציע פון דער פּוילישער רעגירונג, ווי אויך פון די עקספּאָנירטע רעדאַקטאָרן און צײַטונג־מיטאַרבעטערס. דער שרײַבער פון אָט די שורות איז געווען אַן עדות פון די געשעענישן:

דעם 4טן סעפּטעמבער, פיר טעג נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה, בין איך, ווי אַ זעלנער פון מײַן צעשטערטער דיוויזיע אויפן פראָנט צווישן מלאַווע און פּלאָנסק, אָנגעקומען צוריק קיין וואַרשע. אין די ייִדישע צײַטונגען (און אויך אין די פּוילישע) איז ניט געווען קיין זכר, אַז די פּוילישע אַרמיי איז צעקלאַפּט געוואָרן און אַז פּוילן האָט פאַקטיש אויפגעהערט צו עקסיסטירן. ווען כ׳האָב די ייִדישע זשורנאַליסטן אָנגעזאָגט די ביטערע בשורה, אַז פּוילן האָט פאַרשפּילט די מלחמה, האָבן זיי מיך אָנגעקוקט ווי איך וואָלט אַראָפּ פון זינען. נישט געקוקט דערויף וואָס מ׳האָט געפילט די מלחמה־אַטמאָספער, האָט וואַרשע נאָך געלעבט אַ נאָרמאַל לעבן.

דעם 7טן סעפּטעמבער האָט דער ציווילער קאָמענדאַנט פון וואַרשע,

סטאַזשינסקי, מודיע געווען דורכן ראַדיאָ, אַז די פּוילישע רעגירונג עוואַקויִרט זיך און האָט גערופן אַלע וואָס קאָנען טראָגן געווער זאָלן זיך אויך עוואַקויִרן פון דער הויפּטשטאָט. דער פּרעסע־אַמט אין וואַרשע האָט צו וויסן געטאָן די ייִדישע רעדאַקטאָרן און עקספּאָנירטע פּובליציסטן, אַז פאַר זיי זענען צוגעטיילט געוואָרן פּלעצער אין דער באַן מיט וועלכער עס עוואַקויִרט זיך די רעגירונג.

אין דער בהלה זענען געלאָפן צו דער באַן נישט בלויז די עקספּאָנירטע רעדאַקטאָרן און זשורנאַליסטן, נײַערט אויך אַזעלכע וואָס זענען ווייניקער געווען אין סכנה. מיט אָט דער עוואַקואַציע איז פּלוצעם צעבראָכן געוואָרן דער רוקנביין פון דער ייִדישער פּרעסע. עס זענען אַוועק די וויכטיקסטע רעדאַקטאָרן, פּובליציסטן און זשורנאַליסטן. וועגן אַ נאָרמאַלער פּרעסע האָט מען שוין נישט געקאָנט מער רעדן. מ'האָט בכלל נישט מער געקאָנט אָנהאַלטן קיין נאָרמאַלן סטאַנדאַרד. בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע און די טאָג־טעגלעכע באָמבאַרדירונגען פון הונדערטער עראָפּלאַנען איז געווען אוממעגלעך צונויפצושטעלן אַ צײַטונג.

פון דעסטוועגן זענען מיט די אָרעמע כּוחות און מיט סכּנת־נפשות נאָך אַרויס די דרײַ גרויסע ייִדישע צײַטונגען: הײַנט, מאָמענט און פאָלקסצײַטונג, ווען אַפילו בלויז אין צוויי זײַטן, ביזן 22סטן סעפּטעמבער. אָבער קיין לייענערס האָבן שוין די צײַטונגען נישט געהאַט. זיי זענען געווען באַהאַלטן אין קעלערן. די שטאָט איז געווען צעשטערט און ס'איז בכלל נישט מער געווען ווו צו קויפן אָדער קריגן אַ צײַטונג.

דעם 23סטן סעפּטעמבער איז עס שוין געווען אוממעגלעך. די נאַציס האָבן באָמבאַרדירט די עלעקטרישע אונטערנעמונג און וואַרשע איז געבליבן אָן עלעקטרישן שטראָם.

אויך די אידילישע צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם קאָאָפּעראַטיוו פון בונדישן צענטראַל־אָרגאַן און דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער אגודה איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער 1939.

## די אָרטאָדאָקסישע פּרעסע

וועגן אַ פרומער ייִדישער צײַטונג האָט נאָך געחלומט דער חידושי־הרי״ם, דער גערער רבי איטשע־מאיר אַלטער. בעת ס'איז דערשינען דער המגיד (1956), האָט דער רבי געעצהט זײַנע מקורבים אַרויסצוגעבן אַ רעליגיעזע צײַטונג. זײַנע חסידים האָבן די עצה נישט געפאָלגט. אין די יאָרן תרס״ו־תרס״ז (1906 — 1907) האָט דער גערער רבי, אין איינעם מיט זײַן ברודער מנחם־מענדל, אַרויסגעגעבן אַ טאָגצײַטונג אויף העברעיִש און ייִדיש און אויך אַ וואָכנבלאַט.

נאָך דעם ווי אין קאַטאָוויץ איז געשאַפן געוואָרן די אַלוועלטלעכע אגודת־ישראל (1912), האָט דער גערער רבי אַרויסגעלאָזט אַ קול־קורא צו זײַנע חסידים, זיי זאָלן זאַמלען אַבאָנענטן פאַר אַ צײַטונג פון אגודת־ישראל.

שמואל־יעקב יאַצקאַן, רעדאַקטאָר פון הײַנט, איז פאַרלאָפן דעם וועג אָט דער רבנישער איניציאַטיוו און אַרויסגעלאָזט אַ צײַטונג אונטערן נאָמען די קאָפּיקע פאַר דעם חסידישן עולם. דער לייען־מאַטעריאַל איז געווען על־טהרת־חסידישער פרומקייט, מיט חסידישע מעשיות, מדרשים און מימרות פון אַלטע און נײַע תורה־קוואַלן, און מיט אַן עונג־שבת־בײַלאַגע.

בעת יאַצקאַן האָט אין הײַנט געדרוקט אַ שונדראָמאַן די בלוטיקע פרוי, האָט ער אין זײַן פרומער די קאָפּיקע געדרוקט אַ ראָמאַן נאַפּאָלעאָן דעם ערשטנס אונטערגאַנג, אַ צניעותדיקע מעשׂה פול מיט מופתים.

אַ געראָטענער פּרווו אַרויסצוגעבן אַ רעליגיעזע צײַטונג איז געמאַכט געוואָרן אין 1916, בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן. די צוויי מיליטערישע ראַבינערס, ד״ר פּנחס קאָהן און ד״ר עמנואל קאַרליבאַך מנהיגים פון דער אָרטאָדאָקסיע אין דײַטשלאַנד, האָבן מיט דער מאָראַלישער הילף פון גערער רבין געשאַפן די אגודת האורטודוקסים און מיט זייער פינאַנציעלער הילף אַרויסגעגעבן די טאָגצײַטונג דאָס יודישע וואָרט (1916).

נאָך דעם ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן (1919) האָט דער גערער רבי געהאָלפן גרינדן דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער אגודה: דער יוד, דאָס ערשטע יאָר ווי אַ וואָכנצײַטונג, און שפּעטער — ווי אַ טאָגצײַטונג. דער רעדאַקטאָר איז געווען משולם קאַמינער. אין דער וואַרשעווער ייִדישער פּרעסע האָט מען דעם יוד גערופן "דער יוד־הקודש".

מחמת אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און שטרײַקן, איז דער יוד אונטערגעגאַנגען אין זומער 1929. אין דעם זעלבן יאָר האָט אַ גרופּע פון זײַן פּערסאָנאַל בראָש מיט משולם קאַמינער און דוד פלינקער געשאַפן דאָס יודישע טאָגבלאַט, אַ צײַטונג באַזירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. קיין קאַפּיטאַל האָבן די גרינדערס נישט געהאַט. כּדי איבערצוקומען די צײַט פון פאַרפעסטיקן זיך, האָבן זיי געזוכט אַ טעכנישן אָנלען. דער פּראָפעסיאָנעלער דרוקער־פאַראיין אין וואַרשע, וואָס איז געפירט געוואָרן פון בונד, האָט געזאָרגט פאַר בעסערע לוינען פאַר די זעצערס און דרוקערס פון אַלע ייִדישע צײַטונגען. עס זענען פאָרגעקומען אָפטע שטרײַקן פאַר גרעסערע לוינען.

אַזוי ווי די גרינדערס פון דאָס יודישע טאָגבלאַט האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע דרוקערײַ, האָבן זיי פאָרגעלייגט דעם קאָאָפּעראַטיוו פון דער פאָלקסצײַטונג צו דרוקן זייער צײַטונג אין דער בונדישער דרוקערײַ.

דער בונדישער דרוקער־פאַראיין איז גערן מסכּים געווען דערמיט, ווײַל אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געשאַפן נײַע אַרבעט־פּלעצער פאַר די פאַראיין־מיטגלידער. האָט מען דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער אגודה געזעצט און געדרוקט אויף די זעלבע מאַשינען ווי דעם צענטראַל־אָרגאַן פון בונד.

דאָס האָט לחלוטין נישט געשטערט צו פירן אַ בײַסיקע פּאָלעמיק פון איין זײַט קעגן די "פרומאַקעס" און "גאָטס סטראַפּטשעס" אין דער פאָלקסצײַטונג, און פון אַ צווייטער זײַט, קעגן די "עוכרי־ישראל" און "חלב מיט טשועקעס־אַפּיקורסים" אין דאָס יודישע טאָגבלאַט.

איבערן קעפּל פון דאָס יודישע טאָגבלאַט איז תּמיד געשטאַנען דער "ב״ה". האָט צו מאָל אָט דער ב״ה (בעזרת השם) פאַרבלאָנדזשעט אין דער פאָלקסצײַטונג, און דווקא אין אַ פרײַטאָג־נומער, ערב שבת. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז די לאָזונג פונעם בונד "נידער מיטן קלעריקאַליזם!"




טאָגבלאַט – די אָרטאָדאָקסישע צײַטונג

האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער אגודהשער צײַטונג, דווקא אויף דער ערשטער זײַט, אונטער אַ קול־קורא פון דער מועצת־גדולי־התורה... אין דער שרײַבערוועלט האָט מען געשמועסט, אַז דאָס זענען קאַטאָוועסן פון די זעצערס.

אין די פריִערדיקע אויסגאַבעס פון דער אגודה האָבן די רעדאַקטאָרן זיך באַדינט מיט אַ היפּשער צאָל פרעמדווערטער.

אַ מאָל האָט דער גערער רבי פאַרבעטן צו זיך די זשורנאַליסטן פון דער צײַטונג און אין אַ פרײַען שמועס האָט ער געפרעגט, הלמאַי די מאמרים זענען פול מיט פרעמדווערטער.

— אַז איך בין עס נישט תופס, איז דאָך במציאות, אַז נאָך אַנדערע ייִדן פאַרשטייען עס נישט — האָט ער געטענהט.

די מיטאַרבעטער האָבן זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס זיי באַהערשן נאָך נישט גענוג די צײַטונג־מלאכה, און אַז זיי וועלן זיך אם־ירצה־השם אויסלערנען, וועלן זיי שוין וויסן ווי אַזוי צו שרײַבן פשוטער.

דער אמת איז געווען, אַז דאָס יודישע טאָגבלאַט האָט פון דעם אולטראַפרומען פראַנקפורטער איזראַעליט איבערגעדרוקט רבנישע אַרטיקלען, וואָס זענען געווען פול מיט געלערנטע פרעמדווערטער, וואָס אָדער דער איבערזעצער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, אָדער ער האָט נישט געפונען דעם העברעיִשן אָדער ייִדישן עקוויוואַלענט.

משולם קאַמינער, דוד פלינקער און אברהם־מרדכי ראָגאָווי האָבן נישט געדאַרפט אָנקומען צו קיין פרעמדווערטער. זייער חסידישער ייִדיש איז געווען אַ זאַפטיקער, אַ פליסיקער, פון וואָס די חסידישע לייענערס האָבן זיך געלעקט די פינגער.

אַ וויכטיק פּראָבלעם אין דאָס יודישע טאָגבלאַט איז געווען צו געפינען אַ געהעריקן ראָמאַן, וואָס זאָל געדרוקט ווערן אין המשכים. יאַצקאַן האָט געמאַכט דעם אָנהייב און אַלע ייִדישע צײַטונגען האָבן געמוזט גיין אין זײַנע פוסטריט און דרוקן אַ "העכסט־סענסאַציאָנעלן פאַרכאַפּנדיקן ראָמאַן", כּדי די לייענערס זאָלן זײַן פאַראינטערעסירט אין דעם מאָרגנדיקן נומער, צו וויסן וואָס ס'איז ווײַטער געשען מיט דעם אָדער יענעם העלד. האָט אויך דאָס יודישע טאָגבלאַט געמוזט האָבן אַזאַ ראָמאַן.

ייִדישע שרײַבערס האָבן אָבער נישט געשריבן קיין פרומע ראָמאַנען. האָט מען זיך אַן עצה געגעבן: דער פראַנקפורטער איזראַעליט האָט געהאַט אַ זייער פּראָדוקטיוון אָרטאָדאָקסישן ראָמאַנען־שרײַבער, טאַקע דער רעדאַקטאָר גופא, זעליג שאַכנאָוויטש. אַחוץ ראָמאַנען האָט ער אויך געשריבן לאַנגע היסטאָרישע דערציילונגען, און ביידע זשאַנערן האָבן אין ייִדישער איבערזעצונג געפונען אַ תיקון אין המשכים, אין דאָס יודישע טאָגבלאַט.

אויך אין רעדאַקציע גופא האָט דוד פלינקער, דער רעדאַקטאָר, געדרוקט זײַנע אייגענע פּאָליטישע דעטעקטיוו־ראָמאַנען אונטער דעם פּסעוודאָנים: "דער אומבאַקאַנטער". פלינקערס אַ ראָמאַן, געשריבן אין תל־אביב, איז אין די פופציקער יאָרן אויך אַרויס אין בועגאָס־איירעס.

דאָס יודישע טאָגבלאַט האָט זיך טיף פאַרוואָרצלט און געוווּנען פּרעסטיזש אין די ברייטסטע רעליגיעזע קרײַזן איבער גאַנץ פּוילן. דאָס איז געווען אַן אומאויסשעפּיקער לייענער־פּאָטענציאַל. ח.ז. קאַזשדאַן ווײַזט אָן אין זײַן בוך געשיכטע פון ייִדישן שולוועזן (אין פּוילן), אַז אין די אָרטאָדאָקסישע שולן האָבן געלערנט 159 טויזנט קינדער, בעת אין די שולן פון אַלע אַנדערע ריכטונגען (יבנה, מזרחי, ציש"אָ, תרבות, שול־קולט) האָבן געלערנט בלויז 50 טויזנט קינדער.

דער זכות פון אַזאַ גרויסער צאָל קינדער אין דער אָרטאָדאָקסישער שולנעץ איז אויך נישט בײַגעשטאַנען דער צײַטונג. זי האָט געטיילט דעם גורל פון דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן, אין די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, סעפּטעמבער 1939.

## קאַמופּלירטע קאָמוניסטישע פּרעסע

די פּאַרטייִשע צעשפּליטערונג צווישן די דרײַ און אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אין פּוילן איז געווען זייער טיף: די ציוניסטן האָבן געהאַט צוויי פראַקציעס — על המשמר און עת לבנות; פּועלי־ציון איז געווען געשפּאָלטן אויף רעכטע (פּועלי־ציון צ.ס.) און לינקע פּועלי־ציון (דעמאָלט צעירי־ציון); די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך צעטיילט אויף אַ חלק וואָס האָט באַהערשט די צײַטונג מאָמענט און אַ חלק וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער צײַטונג די טאַט; דער בונד האָט געהאַט צוויי פראַקציעס — איינסער און צווייער. אַחוץ דעם — פּאָלקיסטן און טעריטאָריאַליסטן, ועל־כּולם: קאָמוניסטן, וואָס הגם אומלעגאַל, האָבן זיי געהאַט אַן ערנסטע ווירקונג אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ווי שטאַרק ס'איז געווען די געזעלשאַפטלעכע דיפערענצירונג, אַזוי שטאַרק איז אויך געווען די קאַמפּגרייטקייט פון די באַזונדערע פּאַרטייען און פראַקציעס. יעדע פּאַרטיי, יעדע פראַקציע האָט געשטרעבט צו קומען מיט איר בשורה צו דער עפנטלעכקייט. דערפאַר איז דער דראַנג אַרויסצוגעבן צײַטונגען או צײַטשריפטן געווען אַזוי שטאַרק, נישט בלויז אין דער מעטראָפּאָליע וואַרשע, ווו עס האָבן זיך געפונען די צענטראַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, נאָר אויך אין די גרעסערע און אַפילו קלענערע פּראָווינצשטעט, ווי לאָדזש, לעמבערג, ווילנע, ביאַליסטאָק, טשענ־סטאָכאָוו, לובלין און אַפילו אין אַזאַ קליינער שטאָט ווי מעזריטש.

אַזוי ווי אַלע פּאַרטייען האָבן געהאַט אייגענע צײַטונגען, האָט אויך די באַוועגונג פּועלי־ציון געשטרעבט צו האָבן אַן אייגענע צײַטונג. דרײַ

פרווון האָט זי געמאַכט און קיין איינער האָט נישט מצליח געווען.

אַחוץ דער טעגלעכער צײַטונג פון די צעירי־ציון אין קראָקע (1919), וואָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, איז דער ערשטער פרווו פון אַ טאָגצײַטונג געמאַכט געוואָרן ערשט אין 1933, אין וואַרשע, מיטן אַרויסגעבן דאָס וואָרט. רעדאַקטאָר איז געווען זלמן רובאַשאָוו (שפּעטער: שזר). נאָך 11 חדשים פון אַ שווערער עקסיסטענץ איז די צײַטונג אונטערגעגאַנגען.

די באַוועגונג האָט נישט פאַרמאָגט גענוג מיטלען אויסצוהאַלטן אַ נאָרמאַל־באַצאָלטן שטאַב פון זשורנאַליסטן פאַר אַ טאָגצײַטונג. אין אַ גרויסער מאָס האָט מען זיך געשטיצט אויף פרײַוויליקע מיטאַרבעטער פון צווישן די פאַרטיי־מיטגלידער. די פרײַוויליקייט האָט אָבער נישט געקענט קומען אויפן אָרט פון זשורנאַליסטישע פעיִקייטן.

דער צווייטער פרווו איז געמאַכט געוואָרן דעם 15טן מײַ 1935 מיטן אַרויסגעבן דאָס נײַע וואָרט אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר יעקב העלמאַן. דער נאָמען פון דער צײַטונג איז געווען אַן אַנדערער, אָבער די מיטלען און די פאַכמענישע פעיִקייטן זענען געבליבן די זעלבע.

אַחוץ אידעאָלאָגישע צילן, צו סטימולירן דעם חלוציזם צווישן דער ייִדישער יוגנט, שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג און פאָלעמיזירן מיטן בונד, האָט דאָס נײַע וואָרט געדאַרפט אויך ברענגען די לויפנדיקע נײַעס, ווי אַ טאָגצײַטונג. און כּדי צו באַקומען אַ האַפט, האָבן די געבראַכטע נײַעס געדאַרפט זײַן לכל־הפּחות אויף דעם זעלבן ניוואָ ווי בײַ די אַנדערע צײַטונגען. דאָס האָט דאָס נײַע וואָרט אָבער נישט געקענט אויספירן מיט זײַנע שוואַכע זשורנאַליסטישע כּוחות. די צײַטונג איז אונטערגעגאַנגען אין נאָוועמבער 1937.

דער דריטער פרווו איז געמאַכט געוואָרן צוויי חדשים איידערן אָנפאַל פון די נאַציס אויף פוילן, אין יולי 1939. די נײַע צײַטונג האָט געהייסן פאָלקסוואָרט.

די פרײַטאָגדיקע נומערן פון די אײַנגעבירגערטע צײַטונגען האָבן געהאַט גוטע אָפטיילונגען פאַר ליטעראַטור, הומאָר און סאַטירע. זיי האָבן געדרוקט ערנסטע ראָמאַנען און רעפּאָרטאַזשן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. די נײַע צײַטונג האָט אַזעלכע אָפטיילונגען נישט געקענט האָבן. דערפאַר האָבן אַפילו פאַרטיי־חברים געקויפט דעם הײַנט אָדער דעם עקספּרעס, איידער די פאַרעווע פאַרטיי־צײַטונג, אַפילו ווען זי האָט פון צײַט צו צײַט געבראַכט אַרטיקלען צוגעשיקט פון דוד פּינסקי און חיים גרינבערג, פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער קאָרעספּאָנדענצן פון חיים שורער און נתן גרינבלאַט פון תּל־אָבֿיבֿ.

דעם 20טן אַפּריל 1934 איז אין וואַרשע אַרויס די ערשטע און איינציקע קאָמוניסטישע צײַטונג — פרײַנד, אַרויסגעגעבן פון דעם ווילנער רײַכן פאַרלעגער באָריס קלעצקין. שעף־רעדאַקטאָר איז געווען דער פּאָעט און דראַמאַטורג אַלטער קאַציזנע.

סײַ קלעצקין סײַ קאַציזנע זענען געווען ווײַט פון קאָמוניזם. אָבער ס'איז געווען די צײַט פון דעם אַזוי גערופענעם פאָלקספראָנט, דורך וועלכן דער קאָמינטערן אין מאָסקווע האָט זיך באַמיט צו אַנגאַזשירן אומפּאַרטייִשע כּוחות פאַר דער סאָוועטישער פּאָליטיק.

אַחוץ דעם האָט דעמאָלט אין פוילן געבושעוועט אַן אַכזריותדיקער אַנטיסעמיטיזם, מיט אַן אָפענער סימפּאַטיע פאַר דעם נאַציזם. דאָס איז אויך געווען די תּקופה פון אָפענעם באָיקאָט קעגן ייִדישן האַנדל, אונטער דער לאָזונג "אדרבא" — OWSZEM: דאָס האָט געמיינט: פּאָגראָמען — טאַקע נישט, אָבער באָיקאָטירן ייִדישן האַנדל און מלאכה — אַדרבא! אָט די לאָזונג איז געוואָרפן געוואָרן פון דער סיים־טריבונע דורך דעם דעמאָלטיקן פוילישן פּרעמיער־מיניסטער.

די שטימונג בײַ ייִדן איז געווען אַ דערשלאָגענע. האָט אַ טייל ייִדן אויסגעדריקט זײַן פּראָטעסט דורך סימפּאַטיזירן מיטן פאָלקספראָנט, מיטגיין אַ שטיקל וועג מיט די קאָמוניסטן, וואָס האָט געמיינט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם האַלב־פאַשיסטישן פוילישן רעזשים.

אין דער רעדאַקציע פון פרײַנד האָט אויך מיטגעאַרבעט די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, וואָס אַליין האָט זי געהערט צו די רעכטע פּועלי־ציוניסטן און געדרוקט אירע לידער אין העברעישער איבערזעצונג אין דער מפּאישער צײַטשריפט פאַר פרויען, רעדאַקטירט פון פרוי קאַצענעלסאָן. קאַדיעס מאַן, אַ זעצער, האָט טאַקע געהערט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

צווישן די מיטאַרבעטער אין פרײַנד זענען אויך געווען זלמן רייזין, דער רעדאַקטאָר פון בירגערלעכן טאָג אין ווילנע, און דער אַקטיאָר אברהם מאָרעווסקי, וואָס האָט שפּעטער געדרוקט אַרטיקלען אין פאָלקסוואָרט פון די רעכטע פּועלי־ציון.

די פאַקטישע רעדאַקציע פון דער קאַמופלאַזשירטער קאָמוניסטישער צײַטונג איז באַשטאַנען פון פאַרטייִשע קאָמוניסטן: בערל מאַרק, דוד ספּאַרד, ד"ר זלמן עלבירט, דוד ריכטער און אַנדערע.

קיין בולטע קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט מען אין פרײַנד נישט געפונען, אָבער די באַריכטן און די נײַעס וועגן דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן מצבֿ אין פוילן זענען געווען ריכטיקע. די צײַטונג איז יעדן טאָג אַרויס אין צוויי אויפלאַגעס — איינע צו ווערן קאָנפיסקירט און די צווייטע אַ צענזורירטע דורך דער רעדאַקציע, וואָס האָט פון פאָרויס געוווּסט פאַר וועלכע זינד זי וועט קאָנפיסקירט ווערן. אָבער אַ באַשטימטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון די קאָנפיסקירטע צײַטונגען האָבן דאָך אַרומגעוואַנדערט צווישן די לייענערס.

דער קאַמופלאַזש האָט נישט איבערצײַגט די פוילישע "דעפענסיווע" (די זיכערהייט־מאַכט קעגן די ראַדיקאַלע לינקע און קודם־כּל קעגן די קאָמוניסטן), אַז דער פרײַנד איז אַן אומפּאַרטייִשע צײַטונג מיט לינקע

דער "פרײַנד" — אַ נומער פון 1935



טענדענצן, און אויף דער פאַראָרדענונג פון דעם רעגירונגס־קאָמיסאַר אין וואַרשע איז זי פאַרבאָטן געוואָרן דעם 28טן מאַרץ 1935.

## די טאַט – אַ מיליטאַנטישע ארץ־ישׂראל־צײַטונג אין פוילן

די לעצטע צײַטונג וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דאָס קאַפּיטל פון דער ייִדישער פרעסע אין פוילן איז געווען די טאַט, אַרויסגעגעבן דורך נתן יעלין־מור און שמואל מערלין. פון 1938, ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, ביז דעם 18טן אַפּריל 1939, איז די טאַט געווען אַ צוויי וואָכן־צײַטונג. דערנאָך איז זי ביז צום סוף געווען אַ טאָגצײַטונג. זי האָט זיך אַליין ליקווידירט, איידער די נאַציס האָבן גורם געווען דעם אונטערגאַנג פון דער גאַנצער ייִדישער פרעסע. דער לעצטער נומער איז אַרויס דעם 25סטן אויגוסט 1939, זעקס טעג פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה.

דער מאָמענט, וואָס איז פאַקטיש געווען דער אָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטן און האָט כּסדר געדונערט סײַ קעגן דער אָפיציעלער אָנפירערשאַפט אין ארץ־ישׂראל סײַ קעגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בכלל, האָט נישט באַפרידיקט די אָנפירערשאַפט פון אצ"ל. איז די טאַט געווען מיליטאַנטישער פון זשאַבאָטינסקין און אורי־צבי גרינבערגן. עד־חורמו האָט זי געקעמפט קעגן דער הנהגה פון סוכנות, פון ועד־לאומי אין ירושלים, קעגן דער הגנה און בכלל קעגן די אָנפירערס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. בעצם איז די טאַט געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון אברהם שטערן און שמואל מערלין. קיין וואַרשע איז געקומען דער גרינדער פון "ברית הבריונים", אבא אחימאיר, און מיט זײַנע פײַערדיקע אַרטיקלען אונטערן פסעוודאָנים י. בן־שמאי, געהאָלפן דער מיליטאַנטישער צײַטונג. די טאַט איז אין תּוך געווען אַן ארץ־ישׂראלישע צײַטונג, וואָס איז אַרויס אין פוילן, און דערפאַר ווײַל זי איז אַרויס אין פוילן, האָט זי אויך נישט אויסגעמיטן די פוילישע צענזור.

כּדי זי זאָל האָבן אַ פּנים פון אַ נאָרמאַלער צײַטונג, האָט דער טונקעלער, דער הומאָריסט און סאַטיריקער פון מאָמענט, געשריבן פאַר די טאַט הומאָר, פאַרשטייט זיך אונטער אַ פסעוודאָנים.

ווען די טאַט איז געוואָרן פון אַ צוויי וואָכן־צײַטונג אַ טאָגצײַטונג, איז זי געקומען אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דער זשורנאַליסטישער סעקציע פון ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין, וואָס האָט געפאָדערט די צײַטונג זאָל אָנשטעלן אַ באַשטימטן קאָנטינגענט מיטגלידער פון פאַראיין. די רעדאַקציע איז נישט מסכּים געווען, ווײַל די צײַטונג האָט געדאַרפט זײַן מיליטאַנטיש אין יעדער ידיעה, אין יעדער נאָטיץ, און אויף דעם האָט זי זיך נישט געקענט פאַרלאָזן אויף נייטראַלע זשורנאַליסטן. און ווען די צײַטונג האָט לסוף נאָכגעגעבן דער פאָדערונג פונעם פאַראיין, זענען נישט געווען קיין קאַנדידאַטן מיטצואַרבעטן אין "אַזאַ" צײַטונג ווי די טאַט.

אַחוץ די פאַרשיידענע מיינונגען, האָט געשעפטלעך געהערשט אַן אידיליע צווישן די טאַט און דער מאָמענט. ביידע האָבן זיך געדרוקט אין דער מאָמענט־דרוקערײַ און זיך טעכניש אַרויסגעהאָלפן מיט זעצערס און דרוקערס פון דעם בונדישן דרוקער־פאַראיין. און דאָס, הגם די טאַט האָט אידענטיפיצירט די ציוניסטן מיט די בונדיסטן, מחמת ביידע זענען


Nr. 27
די טאַט
נאַציאָנאַלע טאָג־צײַטונג
באַריקאַדן
און מאַשינען־געווער
אויף די גאַסן פון עמפּעריקן ירושלים

"די טאַט" – מיליטאַנטישע רעוויזיאָניסטישע צײַטונג

כּלומרשט געווען שותּפים אין "פאַרשפרייטן אילוזיעס און שטעלן אין סכּנה די ייִדישע מאַסן[14]."

אויסער די פינף טאָגצײַטונגען וואָס זענען נאָך אַרויס אין וואַרשע איידער דער ערשטער וועלט־מלחמה (הײַנט, מאָמענט, אידישעס טאָגבלאַט, נײַעס און די קאָפּיקע), האָט די ייִדישע מעטראָפּאָליע נאָך געהאַט 23 טעגלעכע צײַטונגען און מער ווי 100 וואָכנבלעטער, חודש־אויסגאַבעס און אַנדערע. שטעט מיט אַ גרעסערער ייִדישער באַפעלקערונג האָבן געהאַט אייגענע טאָגצײַטונגען: ווילנע — 22; לאָדזש — 9; ביאַליסטאָק — 4; גראָדנע — 2; טשענסטאָכאָוו — 2; לעמבערג — 2.

אין ווילנע זענען אַרויס קרוב צו 50 וואָכנבלעטער; אין לאָדזש — 35 (אײַנשליסיק 2—3 חודש־שריפטן); אין טשענסטאָכאָוו — 15; אין ביאַליסטאָק — 5 און איין צײַטשריפט; אין מעזריטש — 10; אין מלאַווע — 10; אין לעמבערג — 13 און 2 צײַטשריפטן; אין גראָדנע — 4; אין לוצק — 5; אין קראָקע — 5; אין ראָוונע — 9; אין שעדלעץ — 11; אין בריסק — 4; אין פיעטרקאָוו — 3; אין פינסק — 3; אין בענדין — 2; אין וואָלקאָוויסק — 2: אין זאַמאָשטש — 2; אין סלאָנים — 2; אין קאָוועל — 2; אין קאָלאָמיי — 2.

איינציקע וואָכנבלעטער זענען אַרויס אין באַראַנאָוויטש, ביילאַ פּאָדליאַסקאַ, וולאַדזשימיעזש (לודמיר), זשעשאָוו (ריישע), כעלעם, לאָמזע, לוקאָוו, סאַנאָק, סטאַניסלאַוואָוו, סטרי, קאַליש, קאָברין, קאָנסק און ראַדאָם.

אַחוץ די טעגלעכע צײַטונגען, וואָכנבלעטער, צוויי וואָכן־בלעטער און אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס, זענען ערב די יום־טובים אַרויס איינמאָליקע וויצנבלעטער. יעדע ערנסטע צײַטונג האָט געהאַט אין פרײַטאָגדיקן נומער אָדער ערב יום־טוב אַ זײַט הומאָר און סאַטירע. אויף אָט דעם שטח האָבן זיך אויסגעצייכנט: יוסף טונקל (דער טונקעלער) אין מאָמענט, יוסף־שמעון גאָלדשטיין (דער לוסטיגער פעסימיסט) אין הײַנט און משה נודעלמאַן אין עקספּרעס.

די סטאַבילע נעמען פון די איינמאָליקע וויצנבלעטער ערב די יום־טובים זענען געווען: די נײַע הגדה, מצה־שמורה, מרור, מכּות־

בכורות (ערב פסח) פוטערקוכן, אקדמות (ערב שבועות), סמבטיון, אזאזל, דער משחיז און דער מחבל.

ס'איז, דרך־אגב, אוממעגלעך, אָנצוגעבן די גענויע צאָל פון וואָכנבלעטער, צווייִ וואָכן־בלעטער און חודש־אויסגאַבעס. די איינציקע אינסטיטוציע אין פּוילן וואָס האָט געזאַמלט די ייִדישע פּרעסע ווי מעגלעך פּינקטלעך איז געווען דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע. אָבער אויך צו אים זענען נישט דערגאַנגען אַלע ייִדישע אויסגאַבעס. דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט אין קראָקע האָט איינגעזאַמלט כמעט די גאַנצע ייִדישע טעגלעכע פּרעסע און בלויז אַ טייל פון דער ייִדישער פּעריאָדיק ביז ערב דער מלחמה ווען, מחמת קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן, איז די פּרעסע נישט דערגאַנגען, נישט צום ייִוואָ אין ווילנע און נישט צום אוניווערסיטעט אין קראָקע.

די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע — ייִדן ג, (ניו־יאָרק, אויסגאַבע פון 1948), גיט אָן, אַז אין 1926 זענען אין פּוילן געווען 20 טאָגצײַטונגען, 51 וואָכנבלעטער, 34 חודש־זשורנאַלן. אין 1927 — 19 טאָגצײַטונגען, 70 וואָכנבלעטער און 35 חודש־זשורנאַלן. אין 1928 — 23 טאָגצײַטונגען, 58 וואָכנבלעטער און 43 חודש־זשורנאַלן. אין 1929 — 24 טאָגצײַטונ־גען, 64 וואָכנבלעטער און 26 חודש־זשורנאַלן. אין 1930 — 22 טאָגצײַטונגען, 70 וואָכנבלעטער און 39 חודש־זשורנאַלן.

לויט דער רשימה פון ייִוואָ זענען אין די יאָרן 1935 — 1937 אַרויס אין פּוילן 230 פּעריאָדישע פּובליקאַציעס אין ייִדיש. פון זיי — 27 טאָגצײַטונגען, 100 וואָכנבלעטער, 24 צוויי וואָכן־צײַטונגען, 58 חודש־זשורנאַלן און 16 אָן אַ באַשטימטן לויף־טערמין.

☆ ☆ ☆

1. זלמן רייזין, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ווילנע 1939, באַנד 2, ז' 996.
2. דאָרטן, ז' 968.
3. חיים פינקעלשטיין, הײַנט, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב 1978.
4. דאָרטן.
5. דאָרטן.
6. אַרײַנפיר פון אברהם ליס צו דער צווייטער מנחם־מענדל, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב תשל"ז — 1976.
7. חיים פינקעלשטיין, הײַנט...
8. די ייִדישע פּרעסע וואָס איז געווען, וועלטפאַרבאַנד פון די ייִדישע זשורנאַליסטן, תל־אביב תשל"ה — 1975.
9. חיים־לייב פוקס, לאָדזש של מעלה, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב תשל"ב — 1972, ז' 46.
10. חיים פינקעלשטיין, הײַנט...
11. די ייִדישע פּרעסע וואָס איז געווען — אברהם זאַק, ז' 101 ; מאַרק קאַהאַן, דאָרטן ז' 122.
12. דאָרטן, אברהם זאַק.
13. ייִדישע פּרעסע אין וואַרשע, פנחס שוואַרץ, אין "פון נאָענטן עבר", ניו־יאָרק 1956, באַנד 2, ז' 377.
14. די ייִדישע פּרעסע וואָס איז געווען — נתן יעלין־מור.

## ביבליאָגראַפיע


די ייִדישע פּרעסע וואָס איז געווען, אַרויסגעגעבן פון וועלט־פאַרבאַנד פון די ייִדישע זשורנאַליסטן, תל־אביב תשל"ה — 1975.

חיים פינקעלשטיין, הײַנט, פאַרלאַג י.ל פּרץ, תל־אביב תשל"ב — 1972.

זלמן רייזין, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ווילנע 1930.

חיים לייב פוקס, לאָדזש של מעלה, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב תשל"ב — 1972.

דער צווייטער מנחם־מענדל, בית שלום־עליכם — פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב תשל"ז — 1976.

ייִדישע פּרעסע אין וואַרשע, "פון נאָענטן עבר", באַנד 2, ניו־יאָרק 1956.

אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, באַנד "ייִדן" ג', ניו־יאָרק 1942 (אויסגאַבע פון 1948).

אנציקלופדיה של גלויות, סידרת פולין, כרך ראשון, ורשה. ירושלים־תל־אביב 1953.

פנקס מלאָווע, וועלט־פאַרבאַנד פון מלאַווער ייִדן, ניו־יאָרק 1950.

מעזריטשער זאַמלבוך, בוענאָס־אײַרעס 1952.

פּינקס זשיראַרדאָוו, אַמשינאָוו און וויסקיט, בוענאָס־אײַרעס 1961.

סאַנאָק, ספר זכרון לקהילת סאנוק והסביבה, סאַנאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, תל־אביב תש"ל.

ספר בילה פולסקא, תל־אביב תשכ"א — 1961.

ספר יזכור לקהילת שדליץ, האירגונים של יוצאי שדליץ בישראל ובארגנטינה, בוענאָס אײַרעס תשט"ז.

Jüdisches Lexikon, Jüdischer Verlag, Berlin 1930, Band IV, Me-R Presse.